# בית יעקב

ליטעראַרישער זאַמעלציין-זשורנאַל

יאָרגאַנג 8

נומער 63

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ׳ בשלח י״ב שבט תרצ״א (ליכט צינדן 2 מינוט נאָך 4) Łódź Luty 1931


# צו אַלע יידישע פרויען!


הארכיון היהודי


## אַרוף וועגן „ישיבת חכמי לובלין״

אין דעם אַלט - יידישן היסטאָרישן לובלין, גיפונט זיך, דער גרעסטער און שענצטער תורה-צענטר פון פוילישן יידנטום. די בעסטע און טאַלאַנטירטסטע יידישע קינדער לערנען דאָרט טאָג און נאַכט, אונדזער הייליקער תורה. פון דאָרט, וועלן אַרויסקומען די שטאָלצע טרעגער פון תורה-אידעאַל און די צוקונפטיקע גייסטיקע פירער פון יידישן פאָלק. „ישיבת חכמי לובלין״ איז אונדזער טרייסט, אונדזער האָפינונג און עס איז אינדזער פאָלקס-חוב, דעם דאָזיקן פאָלקס-אינסטיטוט אויסצוהאַלטן מיטן גרעסטן כבוד! די יידישע פרוי, קאָן און דאַרף אָבער האָבן דאָס גרעסטע חלק אינים דערהאַלטן און אונטערשטיצן „ישיבת חכמי לובלין״ מיט אַ ביסעלע פאַרשטענדניס קאָן זי דאָס דערגרייכן און איר נאָמען וועט בלייבן פאַראייביקט אין דעם יסוד-דערהאַלט פון דעם תלמודישן וועלט-צענטער. בלויז מיט אַקלייניקייט.

שטענדיק גידענקן אַריינצולייגן די פאָר גראָשן אין דער ישיבה-פושקע, יעדן ערב שבת, יעדן יומא־דפגרא און בכלל ביי יעדער גילעגנהייט אָפשפאָרן, אַ גראָשן, אַ צענער גר. און אַ גילדן פאַר „ישיבת חכמי לובלין״.

דאָס איז נישט קיין נדבה, דאָס איז גיכער אַ פליכט-דערפילונג, לגבי זיך אַליין, אַ ערן-פליכט, פאַר אונדזערע בעסטע און

איידילע קינדער, פאַר אונדזער תורה-קולטור. געבן און שטענדיק גידענקן אין „ישיבת חכמי לובלין״ הייסט פלעגן דעם טייערסטן יידישן פאָלקס-אוצר.

לייענט! דאָ די ווערטער פונים גרינדער און פירער פון דער ישיבה, הגאון רבי מאיר שפירא:

„יעדע יידישע פרוי, וואָס דער כבוד התורה איז ביי איר טייער, באַצירט איר הויז מיט דער פושקע פון „ישיבת חכמי לובלין״. „די פושקע איז אַ צירונג אין דער געגנוואָרט, אַ שיינער זכרון פון היסטאָרישער פאַרגאַנגנהייט און אַ האָפינונג ביים יידישן קינד פאַר זיין צוקונפט״.

הערט-זשע אייך צו צו די ערנצטע ווערטער, זאָל אין אייער הויז זיך געפונען די פושקע פון יח״ל. שפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און שטאַרקט, קרעפטיקט די היים פון תלמידי חכמים, די גייסטיקע גבורים פון יידישן פאָלק!


ארכיון אסופות




דער רוף פון לובלינער רב צו דער יידישער פרוי

דער קאָמיטעט פאַר ישיבת חכמי לובלין״ פאַר לאָדזש און לאָדזשער וואָיעוואָוד.

(—) משה צעדערבוים
נשיא הכבוד

(—) מרדכי מנחם זאָמערפעלד
נשיא

(—) אבגדור ווינער
סגן

(—) מענדל שטשערזשינסקי
גזבר

הרב יוסף פיינער,
הרב שלמה יאַקובאָוויטש
הרב משה ווייס

# דער גרויסער תורה יום-טוב

(א יום-טובדיקער שמועס
לכבוד דעם סיום הש"ס)

פון הרב **ישעי' רייבער**
איזמאעל (רומעניע)

**גוט** יום-טוב יידן! גוט יום-טוב אייך, גוט יום-טוב! — אזא אויסער גיוויינטלעכן טאג האבן מיר היינט אין דער יידישער וועלט, היינטיקער חמשה עשר בשבט איז ביי אונדז א פעסט-טאג פון גרויסן פארנעם: חג ה' לנו! אויב שמחת תורה איז א פאלקס-טימלעכער שמחה וששון-טאג, די קרוין פון אלע אונדזערע חגים ומועדים, טא איז דער היינטיקער סיום הש"ס א וודאי די קרוין פון שמחת תורה...

**אויב** דער למוד-התורה איז דאס לעבנס-גיזאנג פונים יידישן ייד, איז איצט זיין שמחה. פון אזא סיום — זיין שיר השירים... אויב די אינערלעכע נשמה-פרייד אנטפלעקט זיך אין איר גאנצער ריינקייט ביים יידן ביי א שמחה של מצוה, שטייגט אבער איבער די שמחה פונים היינטיקן טאג אלע אזעלכע שמחות.

**זיבן** יאר האבן מיר יעקב-לך גידינט פאר גרויס ליבשאפט צו רחל-ן (מלכות תושבע"פ). זיבן יאר האבן מיר זיך גיבינדין ארום איר לעכטיקער צורה, טאג-טעגלעך האבן מיר גישטראלט פון איר מאיעסטעטישן גישטאלט, געשפיגלט זיך אין איר ג-טלעכער שיינקייט, גישלינגין מיט נייגיריקייט אירע רייד, גישלייפט זיך דעם מוח מיט אירע טיפזיניקע גידאנקן, אונדזער נשמה האבן מיר יעדן טאג אויסגיפוצט מיט דין רייכסטע פערל, וואס זענין צושפרייט אינים „ים התלמוד".

**איצט** איז גיקומין דער גרויסער טאג, נאך זיבן יאר ארבייט איצט איז דער פינאל פון ,ער לאנגער תקופה. איצט איז גיקומין דער גרויסער יום-טוב טאג, דער יום חתונתו — זו מתן תורה, איצט אנטפלעקט זיך די כלה מיט איר כלה-קרוין וואס שיינט ווי אלע זיבן וועלטן. אצינד קוקט זי ארויס פון איר דעק-טוך, וואס איז גיוועבט מיט גינגאלדינע פעדים — אך, וואו נעמט מען כלים אריין צו נעמין דעם גרויסן אור? וואו נעמט מען ווערטער צום ריכטיקן אויסדרוק?...

**ביידע** וויגנטן בושיונן אויף דער גרויסער וועלט. קאלט פאר פרוירן בארג און טאל, און פארגלייווערט זענען די הערצער, פארשטיינערט די גימיטער. ביי מיר אין הארץ צוגיסט זיך אבער איצט א ליבלעך ווארימקייט, א זיס גימיטליכקייט הילט איין מיין נשמה. איך פיל מיך אזוי היימיש צווישן מיינע גידאנקן: גלייכע ברודער, וואס מיט מיר אינאיינים פייערן זיי די גרויסע פאלקס-חגיגה, און דאס הארץ זינגט אין מיר אויפן נצחון פונים גרויסן אידעאל!

**ווי** גיט דאס איז צו זיין איינגישלאסן אין דער גילדינער רינג פון אלע לומדי תורה פון דער גארער וועלט! זיך צונויפגיסן מיט די אלע צענטויזינטער — און אפשר גאר הונדערט-טויזנטער יידישע נשרות פון אלע פיר עקן וועלט. מיט די אלע זענין אונדזערע מחשבות און גיפילן אלע טאג גיקומין אין איינהייטליכער בארירונג. אלע גילערנט דעם דף היומי. אינאיינים ישוועבט אין הימלישע כפערן. זיך גיקוויקט מיט-ן הימל-טוי גיהאט אלע איין יחוד, איין כוונה.

**אך** וואסארער ערציערישער כח האט גימוזט האבן אזא זיבן יעריקער לערן-רעגולאטאר! ווי גוט האט גיקענט אזא שטענדיקער לימוד-קורס לייטערן אונדזער הארץ, פארשענערן אונדזער גייסט, אויסאיידלין און אויסבעסערן אונדזערע מדות?!

**די** אור-אלטע פיליזאפן האבן איינגיטיילט דאס לעבן פונים מענטשן אין זיבן יעריקע פעריאדן, באהויפטנדיק, אזא בינטל יארן פירן איבער דעם מענטשן פון איין מדרגה לעבן צום אנדערן און ענדערט איבער זיין גאנץ פריערדיק וועזן.

**אזא** בינטל יארן איז איבערגיגאנגין פון זייט מיר האבן אויף זיך גינומין דעם חוב פונים דף-היומי, און 7-יאר צייט זענין מיר דורכגיגאנגין דעם גרויסן לאבאַרינט, צום תלמוד. בשלום. וויפיל האט דאס גיווירקט אויף אונדזער פסיכילאגיע, אויף אונדזער ארט דענקן.

**דער** טאג-טעגלעכער גמרא-בלאט איז א „עלה לתרופה" א רפואה צו יעדן קראנקן הארץ, א תיקון פאר אלע פארבלאנדזשיטע נשמות און א קרעפטיקונג פאר די אלע אמונה-אפגישוואכטע גימיטער.

**און** מיר ווייזט זיך אויס, ווי די אלע צענער-טויזנטער וואלטן גישטאנין ביי מיין ש"ס גמרא, אז אלע אינאיינים זאגן מיר דעם גרויסן הימן פון אונדזער הייליקן תלמוד, דעם „הדרן" און צו אונדז אלע שרייט אויס אליהו מיט זיין מעכטיקער שטימע אויף א לעבנס-פארזיכערונג צו די אלע, וואס לערנין הלכות יעדן טאג. מובטח לו שהוא בן עולם הבא.

**גאר** די הלכות זענין די אמת-ע רעגולאטארס, די וועגווייזערס פארן ייד, ווי ער זאל זיין לעבן פירן. מיר וואס האבן אלע טאג גילערנט זענין אימשטאנד צי פאראייביקן אונדזער לעבן אויף דער קומינדיקער וועלט, נאר זיי באשטימן אונדזער פעסטן באשטאנד, באשטעטיקן א אייביקן קיום, פארזיכערן אונדזער עולם הבא...

**און** די גאלדינע רינג, אונדזער איינגישלאסנקייט אין דעם אייביקן תורה-עגול ווערט נישט איבערגיריסן, אפילו אויף א ווילע, אט מיט-ן ענדיקן סדר „טהרות" קערן מיר זיך צוריק צום סדר „זרעים" תיכף דערמאנין מיר, אז ס'איז דא א גרויסער ג-ט אויף דער וועלט און מיר אלע מיט אונדזערע אלפים ורבבות פרעגן מיר מיט איין קול: מאימתי קורין שמע בערבין?...

**און** ווי וואונדערבאר דאס איז, וואס דער סיום הש"ס איז אויסגיפאלן פונקט אין חמשה עשר בשבט!... צו אזא גרויס נישעעניש איז פאסיק נאר אזא גרויסער טאג! דער „ראש השנה לאילנות", דער סימבאל פון בליאונג און אויפלעבונג פון דער הייליקער מדינה, דינט אונדז פאר א אנזאג, פאר א רמז; „כימי העץ ימי עמי". אז די התחלה וואס מיר ווילן מאכן אין דעמזעלבן טאג אין ר"ה לאילנות וועט געבן די גיוואונטשינע „פרי הלולים" פון אונדזער עץ-החיים, דער תורה גייסט וועט אנפולן אלע יידישע הערצער און ארץ ישראל וועט ווידער ווערן דער תורה-צענטר און מיר ווילן דערלעבן פייערן דעם קומינדיקן סיום אין דער צווייטער שמיטה און אונדזער הייליק לאנד, און ירושלים.

**א גוט יום-טוב אייך, גוט יום טוב יידן!**


א הארציקן ברכה-פולן מזל-טוב וואונטש איך דער ח' פאמיליע פריזאנט צו דער פארלאבונג פון זייער זון. זייט זוכה צו האבן פון אים תמיד גליק און צופרידנהייט.

אסתר באבראווסקא


## א בית-יעקב-לערערן

וועלכע קאן אויך פירן א גן-ילדים און קאנצליי-ארביט, ווערט גיזוכט קיין יוגעסלאוויע. אפערטן מיט צייגניס-אפשריפטן, גינוי אנגעבן שפראך-קענטניס, אינפארמאציעס איבער טעטיקייט און פענסיע פארלאנג דארף מען שיקן אויף דער אדרעס:

„AGUDAS ISROEL CENTPALE"
Subotica (Jugosławie)

# די סדרה בשלח

פון שרה שעבירער

ווייל באקאנט הייסט דער היינטיקער שבת „שבת שירה" דערפאר, וואס אין דער סדרה בשלח געפינט זיך דאס „אז ישיר"-ליד, וואס די יידן האבן געזונגען, נאכדעם ווי זיי זענען דורכגעגאנגען אין טרוקעניש דעם ים.

ווי באלד מען הייבט נאר אן צו ליינען די היינטיקע פרשה, נעמט ארום א פרייידיק געפיל. פאר אונדזערע אויגן מאלט זיך באלד דאס אימפאזאנטע בילד ווי זעקס-הונדערט-טויזנט מענער מיט זייערע פרויען און קינדער, וועלכע זענען ערשט געווען שקלאפן, פארקנעכטעט צו שווארצער ארבעט, און אט זענען זיי געווארן פרייע מענטשן.

פרייהייט! דאס דאזיקע ווארט האט א כשוף-דיקן רייץ. מען זעט דערין דאס גרעסטע גליק און די בעסטע מתנה.

צי האבן אבער די בני-ישראל, באמת ריכטיג באנומען דעם זין און דעם תכלית פון דער פרייהייט? צי האבן זיי געפילט דאס הייליקע שליחות, וואס זיי דארפן נעמען אויף זיך צו גיין דערמיט אין דער גרויסער ברייטער וועלט אריין, נאך זייער באפרייט ווערן פון מצרישן יאך? און די תורה דערציילט אין ערשטן פסוק: „ג-ט האט נישט געפירט די יידן דורכן נאנטן לאנד פלשתים, ווייל זיי קענען נאך חרטה באקומען, ווען זיי וועלן דערזען א מלחמה און וועלן צוריקגיין קיין מצרים"...

דא זעען מיר בפירוש, אז דאס פאלק האט נאכנישט געהאט דעם מוט, צו דערהאלטן די פרייהייט, ווען ס-וועט זיך נייטיקן אביסל קאמף און כאטש זיי זענען געגאנגען באוואפנט מיט כלי-זין, איז אבער דער בטחון אין זייער הארץ צו ג-ט נאך געווען שוואך. עס האט זיי געפעלט די באגייסטערונג און דער טיפער גלייבן אין דער ג-טלעכער השגחה. און דעריבער האט ג-ט זיי נישט געוואלט שוין אריינפירן אין א מלחמה.

*

און וואו איז געווען משה? עס שטייט עפיס גארנישט דערמאנט דער נאמען פון יידישן פירער, וואס האט ער אצינד געטון? אונדזערע חכמים זאגן, אז בשעת די יידן האבן געפארעט ארום די גאלדענע כלים און פארשידענע טייערע חפצים איינצוזאמלען פון מצרים, האט משה אין זינען געהאט יוסף-ס ביינער...

א גרויסע חכמה האט ער דערמיט באוויזן און נאכמער א לערנונג אויף אייביקע דורות ארויס. ווען משה רבינו וואלט צוזאמען מיטן פאלק זיך געכאפט צו גאלד און זילבער, וואלט שוין דאס פאלק געמורמלט, אז משה איז רייך געווארן פונים פאלק... באזונדער האט משה באוויזן, אז ווען דאס גאנצע פאלק איז פארזונקען אין זאמלען מאטעריעלע אוצרות, איז דער פאראנטווארטלעכער פירער באזארגט פארן גייסט פון פאלק. משה זוכט דעריבער דעמאלט אויף די ביינער פון יוסף-ן. ער גייט מקיים זיין די שבועה, וואס יוסף האט באשוואוירן דאס פאלק, אז ווען זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים, זאלן זיי מיטנעמען זיינע ביינער... דעם בטחון שטארקן ביי זיי איז געווען דערמיט די כוונה ביי משה-ן.

*

און דאס פאלק האט זיך דערפון געלערנט? לײדער! זיי האבן זיך שפעטער געווארפן אויף משה-ן, אויף דעם געטרייען פירער מיט פרעטענציעס „איז דען נישט געווען קיין קברים אין מצרים?". א אנדערער פירער וואלט זיכער געווען פארדראסן אויף אזעלכע פרעטענציעס, אבער משה ענטפערט רואיק: „התיצבו וראו את ישועת ד'" — שטייט זיכער און ווארט אפ די ג-טלעכע הילף! „התיצבו" הייסט שטייט פעסט, שרעקט אייך נישט. אבער אויך „וראו" זעט בעסער, קוקט מיט אפענע אויגן, נעמט אויף אלץ מיט גייסטיקע בליקן, וועט אלץ ביי אייך אנדערש אויסזען...

אונדזערע בנות-פירערנס דארפן זיך דא ארויפלערנען, ווען אויך זיי טרעפט אמאל אומדאנקבארקייט, נישט אפגעשוואכט צו ווערן און אנטלויפן פון דער פאזיציע.. מיט סבלנות אויפנעמען אלע פרעטענציעס און באמיען זיך צו בארויקן די געמיטער!

*

און זאלן מיר אויך א בליק טון אין דער ראל פון מרים הנביאה ביי יציאת מצרים.

„ותקח מרים הנביאה אחות אהרן" — פארוואס ווערט זי דא דערמאנט אלס שוועסטער פון אהרן און נישט אלס שוועסטער פון משה-ן? אהרן הכהן איז געווען דער באקאנטער „רודף שלום" און אויך דאס זעלבע האט זי געטון ביי אירע שוועסטער. זיך שטענדיק געזארגט ס-זאל נישט זיין קיין צאנקערייען און דאדורך האט זי געקאנט מקרב זיין אירע שוועסטער צום תורה-אידעאל.

מיט פויק און טאנץ האט מרים מארשירט פאראויס פאר דער מחנה פון די פרויען. זי האט זיי נאך פאר מתן תורה באקאנט געמאכט דעם אלטן דעוויז „עבדו את ה' בשמחה". אין איר זכות האבן די יידן געהאט צו טרינקן וואסער אין דער מדבר. מרים האט אזוי א-יום געהאלפן דאס פאלק און אלע פרויען האבן אירע מעשים נאכגעטון.

*

און נאך די אלע נסים, אין מצרים און ביים ים, איז נאך דאס פאלק אלץ געווען ווייניק שטארק ביי דער אמונה און מיר זעען שפעטער ווי זיי פרעגן „היש ד' בקרבנו?" — איז ג-ט באמת צווישן אונדז?! פאר זייערע אויגן איז געשפאלטן געווארן דער ים, זיי האבן באקומען מן פון הימל, פלייש אין א מדבר און דאס אלץ איז זיי נאך ווייניק איבערצוציגן זיך אין דער השגחה עליונה!

און באלד קומט דער עונש, די מלחמה מיט עמלק-ן. „ברפידים" — ווען זיי זענען שוואך געווארן אין דער אמונה, צופלאקערט זיך די שנאה צו זיי... יא, דאס איז א מוסר השכל אויף שטענדיק. דער אנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה פון דער שוואכער אמונה. ווען מיר גייען אוועק פון אונדזער תורה, קומען אנטיסעמיטישע קלעפ און זיי דערמאנען אונדז אין יידישקייט!

„אז משה האט געהאלטן הויך די הענט, האט זיך געשטארקט ישראל, ווען ס-האבן זיך משה-ס הענט אראפגעלאזט, האט זיך געשטארקט עמלק"... דאס דארפן מיר תמיד וויסן. הערשט דער גייסט פון משה-ן — פאלט עמלק, אויב חלילה נישט איז עמלק דער שטארקער...

*

זאלן מיר זשע אלע זיך דעריבער פאר תורה אפפערן, אריינפירן אירע הייליקע אידעאלן אין אלע יידישע הערצער וועט זיין וגבר ישראל!

## פון דער רעדאקציע

מיר באקומען לעצטנס אויסערגעווייגלעך פיל נישט באשטעלטע מאנוסקריפטן. עס איז אבער לע"ע אונדז בשום אופן נישט מעגלעך יערן באזונדער צו ענטפערן. די ארביטן, וואס וועלן זיין גוט וועלן מיר געבן. די וואס טויגן נישט מוזן גיין אין רעדאקציע-קויש... בקרוב וועלן מיר איינפירן א ליטערארישע פאסט און ענטפערן אין זשורנאל. ענטפערן טון מיר דערווייל נאר אויף ספעציעל-באשטעלטע מאנוסקריפטן.

ארכיון אסופות

דער אנטואיציע און דער אונמיטלבאַרער תפיסה פון דעם שכל*) זי שטייט אבער גידעריקער פון דעם מאַן בנוגע דער דיאַלעקטישער אנאַליז, דעם ישוב־הדעת און דער לאָגישער אויסרעכענונג, וואָס עס שטייט אין אַן־אינערלעכן צוזאַמינהאַנג מיט דעם מער קאָנצענטרירטן גיפילס־לעבן פון דער פרוי.

די אַלע אויבן אויסגירעכנטע אייגנשאַפטן מאַכן די פרוי פאַר אַנ„עקרת־הבית", פאַר דער נשמה פון דער פאַמיליע, וועלכע איז איר אייגנטלעכער באַרוף, איר אַנטשפּרעכנדסטע, ווען נישט אויסשליסלעכער און נאַטירלעכער אַרביטס־גיביט.

פאַר דעם פיזיש שטאַרקערן און פיל באַוועגלעכערן מאַן, וועמנס טעטיקייט איז וויניקער באַגרעניצט אין דער צייט און אין רוים, ווי ביי דער פרוי, און וועלכער קאַן גיכער נאָכקומען די אַלע פאַרשידינע פאָדערונגען פון דעם מלוכה־לעבן, וואו די פרוי קאָן בשום אופן נישט פאַרטרעטן זיין שטעלע, איז די פּאָליטישע טעטיקייט אין דעם מלוכה־לעבן אַ נאַטירלעכער באַרוף און פליכט. די פאַרטיילונג פון דער אַרבייט און דעם דינסט פון דער מענטשהייט, אין דער פאַמיליע ווי אין דעם מלוכה־לעבן צווישן דער פרוי און דעם מאַן איז אַזוי אַרום צוגיפאַסט צו דעם גיזעץ פון אַרביטס־אָרגאַניזאַציע לויט דער פאַרשידינער לייסטונגס־פעאיקייט פון ביידע גישלעכטער און גיט ביידע, דעם מאַן און דער פרוי, די מעגלעכקייט פולשטענדיק צו דערפילן דעם באַרוף, וואָס איז זיי אָנגיוויזן פון דעם בורא עולם. די דערפילונג פון דעם באַרוף אין דעם דינסט פון דער מענטשהייט לויט ג—טס ווילן איז, לויט דער יידישער וועלט־אַנשויאונג, דער אייגנטלעכער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס באַטייט די טובה פון זיין נשמה און דאָס גליק פון זיין לעבן. ווי צו דעם, וואָס דערפילט נישט זיין לעבנס־אויפגאַבע. ער גייט דאַן אַוועק פון דעם לעבן ליידיק.

ספּעציעל דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגן זיין באַציאונג צו דער גאַנצער מענטשהייט, ווען ס'ווערט נישט באַפרידיקט דאָס טיפע אומבאַצווינגבאַרע באַדערפיניש צו ליבן און גיליבט צו ווערן און צוזאַמען דערמיט דער נאַטירלעכער וואונטש ווייטער צו לעבן אין דעם אים ווירדיקן צוקונפטיקן דור און צו באַטייליקן זיך אין דעם ווייטערדיקן בוי פון דער מענטשהייט אָדער, ווען דער אַן און פאַר זיך איידילער אינסטינקט ווערט דעגענירירט און מאַכט די פרוי צו אַ ווילנלאזער שקלאַפין פון די חושים און גראָבט אַזוי אַרום אונטער דעם זיטלעכן יסוד פון דער מלוכה און דער גיזעלשאַפט, ווייל דער „צלם אלקים" אין דעם מענטש פאָדערט פאַר אַלעמען זיין זיטלעכע ריינקייט, זיין דערהויבונג איבער דעם זומפּ פון די ווילדע אינסטינקטן צו דער מדרגה פון אַ זיך־באַהערשנדיקער צניעות, וואָס איז אַ שטאַפּל פאַר דער קדושה, וועלכע דערנענטערט דעם מענטש צו זיין הערלעך בילד, דעם קוואַל פון דער הייליקייט. דאָס קאַן דערגרייכט ווערן בלויז אין דעם זיטלעך־ריינים מיט דעם רעליגיעזן גלאַנץ באַשטראַלטן פאַמיליען־לעבן, וואָס שטייט אין דעם דינסט פון דער מענטשהייט לויט דעם ווילן פון דעם בורא עולם און וואָס מער דאָס זיטן־ריינע פאַמיליען־לעבן וועט גיפלעגט און איינגיוואָרצלט ווערן און דער ערציאונג פון דעם ייגגען דור וועט פאַראיידלט און פאַרפולקומט ווערן, וועט שנעלער און זיכערער פאַרשווינדן די פאַרשאַלטינע פרויען־פראַגע מיט אירע אַלע פאַרדערבלעכע פאָלגן.

יידיש **ד"ר מ. ראונער**

*) גדה דף ע"ב.

# אז ישיר

דעמלט האָט משה מיט די יידן,
גיזונגין דעם דאַזיקן גיזאַנג
צו ג—ט און גיזאָגט:
שמות ט"ו.

**ל**אָמיר זונגין צום אייבערשטן,
ער האָט זיך באַוויזן
אין זיין הערלעכער גרויסקייט,
דאָס פערט און זיין רייטער
גישליידערט אין ים.

**מ**יין קראַפט און מיין גיזאַנג צו ג—ט
ג'ווען איז ער מיין הילף
ער איז מיין ג—ט,
איך וויל אים דינין מיט פּראַכט,
דער ג—ט פון מיין פאָטער
איך וויל אים דערהייבן.
ג—ט דער האַר פון קריג,
השם איז זיין נאָמין.

**פ**רעה־ס וועגן, זיין מאַכט,
גיוואָרפן אין ים,
גיקליבינע העלדן,
דערטרונקן אין ים־סוף.

**פ**ון אַגרונט פאַרדעקט,
ווי שטיין גיזונקין
אין טיפינישן.

**ד**יין רעכטע האַנט השם
באַשיינט מיט קראַפט,
דיין רעכטע האַנט, השם,
צוברעכט דעם פיינט.

**א**ין דיין רייכער פּראַכט,
צושטערסט דו דיינע מורדים,
שיקסט אויף זיי דיין צאָרן,
ווי שטרוי פאַרברענסט דו זיי.

**ל**[illegible] אטים, טורמין זיך די כוואַליס
ווי מויערן שטעלן זיך, פליצידיקע וואַסער
בלייבן פאַרגליווערט אין האַרץ פונים ים.

**ג**יטראַכט האט דער פיינט:
דעריאַגן, דערגרייכן,
צוטיילן דעם רויב,
שטילן מיין באַגער,
שמרעקן די שווערט,
מיין האַנט זיי צישטערן.

**ה**אָסט דו געשיקט דיין ווינט,
האָט זיי צוגידעקט דער ים,
איינגיזונקין ווי בליי
אין די שטאַרקע וואַסערן.

**ו**ער, איז ווי דו,
צווישן די מעכטיקע, השם!
ווער איז ווי דו,
גיהייליקט אין פּראַכט,
פאַרכטיק אין לויב,
וואונדער־באַשעפער!

**ג**ינייגט דיין רעכטע האַנט,
האָט די ערד זיי איינגישלונגין.

**מ**יט ליבשאַפט פירסט דו
דיין פאָלק דאָס דערלייזטע,
פירסט זיי מיט קראַפט,
אין דיין הייליקן היכל.

**ה**ערן פעלקער און ציטערן,
די באַוואויגער פון פלשת
נעמט אַרום אַ פּחד.

**ד**ערשרעקן זיך דעמלט
די האַרן פון אדום.
די שטאַרקע פון מואב
לעבן אין מורא.
ס־ווערן צושמאַלצן
די מענטשן כנען־ס.

**ו**ואַרף אויף זיי
אַן אימה, אַ שרעק,
דורך דיין גרויסער האַנט,
וועלן זיי שווייגן ווי שטיין.
ביז אַריבער וועט דיין פאָלק, השם,
אַריבער דאָס פאָלק, וואָס איז דיין.

**ד**ו וועסט זיי ברענגין, זיי פלאַנצן,
אויף דיין אייגינים באַרג,
דעם אָרט, וואָס גישאַפן,
גיגרייט האָט השם,
דעם הייליקן בנין,
גיבויט דיינע הענט.

**ה**שם וועט רעגירן
אויף אייביק די וועלט.

איבערגיזעצט
**אליעזר שינדלער.**

„בית־יעקב"
גייט שוין יעדע צוויי וואכן!

און דו האסט נאך
נישט גיגעבן פאַרן
איינמאַליקן פאָנד
פון דער בית־
יעקב־ליטעראַטור

הארכיון היהודי
ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# וואָס האָב איך צו דערציילן פון „ישיבת חכמי לובלין"

## פון הרב אהרן לעבוואָויל, תלמיד פון דער ישיבה

**ווען** דו באַטרעטסט די שוועל פון דער ישיבה, אפילו דאָס הונדערטסטע מאָל, מוסטו נישט ווילנדיק אַ רגע שטיין בלייבן אויף דיין אָרט, און קאָנסט ווייטער נישט גיין. עפּיס אַ גיפיל פון יראת הרוממות פון חרדת-קודש באַהערשט דיך אינ־גאַנצן.

אַזאַ אימפּאָזאַנט בילד, אַזאַ פּרעכטיקער אָנבליק!

עס וואַרפט זיך באַלד אין די אויגן, די שמחה, דאָס התלהבות און חיות וואָס עס הערשט אין דער ישיבה. אַ יעדעס ווינקעלע שפּרודלט מיט שוואונג און לעבן, אַ יעדער תלמיד איז אַ קוואַל פון באַ־גייסטערונג — זך וואָס פאַר אַ טייערע ערהאַבינע סביבה! די התמדה פון אַלע תלמידים, איז ממש אומ־באַשרייבלעך. דער קול תורה ווערט נישט נפסק קיין רגע אין טאָג. דו וועסט אַריינקומען אין דער ישיבה 3 פאַרטאָגס, פאַר־נאַכט, בין-השמ־שות, 1—2 ביי־נאַכט — און תמיד וועלן צו דיינע אויערן דערגרייכן די האַרציקע גמרא-קולות פון די יונגע לומדי-תורה.

עס איז פּשוט אַ עונג-רוחני זיך צוצוקוקן צום התנהגות פון די יונגע מתמידים-לעך אין דער ישיבה.

זיצט זיך, למשל, אַ יונג סימפּאַטיש בחרל, אברהם-לע בראָדער רופט מען אים, און שאָקלט זיך אַזוי שטיל און באַשיידן אַ 14—16 שעה אין מעת-לעת אויף זיין נומערירטן מקום-קבוע, און אַ חוץ די צייט פון עסן, קענסטו געבן די גרעסטע פּרעמיע, אויב מ'וועט טרעפן זיין פּלאַץ ליידיק אָן אים, אָן אברהם-לין...

און נישט קיין יחיד איז ער אברהם-לע, אַלע, אַלע אָן אויסנאַם ווערן מיטגירסן מיטן שטאַרקן התמדה-שטראָם.

און גירעכט איז דער פּראָווינצער ייד, וואָס האָט אונדז באַזוכט אַנומלט. פאַרן אַוועקגיין, קומט ער צו אונדז צו אַ באַגייסטערטער און זאָגט: „עפּיס זע איך נישט ביי אייך דעם ישיבה מתמיד". מ'ר קוקן אים אָן פאַרחידושטע, און ווייזן אים אָן אויף דער שטאַרקער איבערנאַטירלעכער התמדה פון אַלע תלמידים, ענפערט ער אַ גירידטער: „יאָ, איך זע בלויז „מתמידים", אָבער נישט דעם „מתמיד". אומיטום קאָן מען אָנווייזן: אָט דער איז דער מתמיד פון דער ישיבה, דאָ אָבער לערנט יעדער מיט אַזאַ שקידה און התמדה — אַז יעדער איז דער מתמיד, איך זע בלויז מתמידים"...

**איך האָב גיזאָגט אַז דער קול-תורה ווערט נישט נפסק קיין רגע אין מעת-לעת, ווייל אויך אַ גאַנצע נאַכט לערנט יעדעס מאָל אַ אַנדערער „משמור" פון אַ מנין תלמידים, ביז 4 פאַרטאָג, ווען ס'קומען שוין אַראָפּ די „משכימים".**

און אַ משמור אין דער ישיבה, איז איינס פון אונדזערע ליבסטע זאַכן. דער רב שליט"א באַזוכט דעם משמור זייער אָפט, וואָס ברענגט אַריין אַ שטראָם פון חיות און התלהבות.

איך גידענק, פאַר אַ פּאָר וואָכן, ווען ס'איז גראָד גיווען מיין „נאַכט" (דער משמור ווערט פאַרטיילט מיט אויסגירעכנטן סדר.) און אַרום 1 אַ זייגער האָט דער רב שליט"א אונדז באַזוכט. ער איז צוגיגאַנגען צו אַ ווינקל, וואו עס איז גיזעסן דער יינגער בערלינער תלמיד, אַ באַחנט 14-יעריק בחו"ל, פאַרטיפט אין אַ שטיקל „משנה למלך" פון רמב"ם הלכות בית-הבחירה. דער רב שליט"א, שטאַרק באַגייס־טערט פון דער גיוואַלטיקער התמדה פון זיינע טרייע תלמידים, רופט אויס צו אונדז אַ שטראַ־לנדער: דער „בית-יוסף" און דער „אורח-חיים" זאָגט, אַז רמב"ם הלכות בית-הבחירה לערנט בזמן-הזה נאָר אַ חד בדרא. ווער איז היינט דער חד בדרא? — יודע־לע בערלינער!...



די תלמידים פון יח"ל ביים עסן. — אויבנאָן דער ר"מ רבי מאיר שפּירא שליט"א.

אויך דאָס גשמיות אין דער ישיבה איז אַוועקגישטעלט אויף דער גיהעריקער הויך, דאָס איז נישט גלאַט אַזוי אַ פראַזע.

אונדזער עסן בחברותא צוזאַמען מיטן רב שליט"א, האָט אַ גיוואַל־טיקע דערציערישע באַדייטונג. דער רב שליט"א שמועסט דע־מאָלט, פאַרשידענע אינטערעסאַנטע ענינים, וואָס האָבן דעם ציל, צו אַנטוויקלען דעם באַוואוסטזיין פון תלמיד, און ערציען דעם מענטש אין אים.

די דאָזיקע ערציערישע טענדענץ פון רב שליט"א, מערקט זיך אָן יעדן שריט.

ווייל יח"ל, וויל און שטרעבט אַרויסצוגעבן תלמידי-חכמים און לומדים, וואָס זאָלן גלייכצייטיק זיין די וואָרט-פירער אין דער יידישער גאַס, וואָס זאָלן אָנפירן מיטן יידישן לעבן און אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק.

דאָס ווייסט און פילט יעדער פון אונדז — און דאָס אַליין גיט שוין די גרעסטע האָפינונג און דערוואַרטונג.

ווי אין אַ ליבער מוטערלעכער היים, פילט זיך דער תלמיד אין יח"ל. און וואָס פעלט דען דעם תלמיד דאָרט? די גאַנצע מאָ־דערנע טעכניק, פּרעכטיקע לופטיקע צימערן, אַלע באַקוועמלעכ־קייטן און איינריכטונגען, האָבן זיך גישטעלט צו זיין דינסט ווי אַ פּרינץ אין זיין פּאַלאַץ, לעבט זיך דער תלמיד אין זיין תורה פּאַלאַץ, אין דעם היכל-המלך, יח"ל.

יאָ, יח"ל איז אונדזער היים, אונדזער ליבע היים און דאָס איז די גרעסטע גאַראַנטיע, אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג און מיר וועלן פאַרלאָזן די טויער פון דער ישיבה, וועלן מיר בלייבן איי־ביק טריי און איבערגיגעבן אונדזער הויכן, ערהאַבינים ישיבה-אידעאַל; ווייל יח"ל איז אונזער היים, און פון אַ היים אַנטלויפט מען נישט, צו אַ היים איז מען צוגיבינדן, צוגיבינדן אויף אייביק..



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

י. ל. אָרלעאַן

# יידישע אויסדערוויילטקייט

### (אַ שמועס מיט קינדער פון דער זעקסטער אָפּטיילונג)

דאָט בילד פונים וואַלד, פעלד און סאָד איז אייך געוויס זייער אָנגינעם. ווי ניי-גיבוירן פילן מיר זיך, באַמערקנדיק אינים וואַרימין פריילינג די ערשטע פרישע גרעזלעך און גרינע בלעטלעך. ווי אַ צערטלעכע מאַמע-האַנט גלעט אונדז אינים הייסן זומער-טאָג דאָס קילע ווינטל פונים שאָטנדיקן וואַלד.

ווער פון אייך אַנטציקט זיך עס נישט, דערזעענדיק אינים סאָד די רויטלעכע, געלבלעכע און ברוינלעכע פרוכטן-באַלעמלעך, וואָס פינקלען אַרויס פון אונטער די שווער באַלאָדנטעביימער? ווער פון אייך דערקוויקט זיך עס נישט פון זייער שמעקנדיקן ריח? ווער פון אייך זעטיקט זיך עס נישט אָן מיט זייער זיסן זאַפט?

בשעת מיר גיניסן פון די פאַרשידינע פרוכטן פילן מיר נאָר די געוויינטלעכע הנאה, וואָס זיי פאַרשאַפן אונדזער אויג, גישמאַק און גימין. צי פאַרטראַכטן מיר זיך אָבער אין דער זעלבער צייט איבער דעם וואונדערלעכן אופן פון זייער אַנטוויקלונג?

יאָ, איר דערמאַנט טאַקע דערביי דעם נאָמין פונים באַשעפער, וואָס האָט אייך, דורך דער וואונדער שיינער נאַטור די גישמאַקפולע פרוכטן אויסגיפּאַרטיקט און צוגישטעלט. צי גיט איר אָבער גלייכצייטיג אַ קלער, ווי אַזוי די פרוכטן וואַקסן זיך פונאַנדער און ווערן פאַרטיק?

ווען מ-זאָל אייך, למשל, אויפגעבן אָפּצומאָלן אַ לאַנדשאַפט, אויסצוהעפטן אַ טוך, אָדער גאָר אויפצושטעלן אַ הייזל, וואָלט איר פריער אַוודאי באַקוקט פאַרשידינע קונסט-בילדער, אַלערליי האַפטן און פיל הייזער-מאָדעלן. פאַרוואָס אָבער זאָלן מיר זיך נישט גוט איינקוקן אינים שאַפונג-סיסטעם פונים גיניאַלסטן וועלט-מייסטער, איידער מיר טרעטן בכלל צו עפּיס שאַפן אין לעבן?

אייך זענין דאָך די וואונדער פונים באַשעפער אין דער נאַטור נישט אינגאַנצן פרעמד. איר גידענקט דאָך נאָך געוויס די אינטערעסאַנטע ידיעות, וואָס איר האָט באַקומין אויף די לעקציעס פון נאַטור-וויסנשאַפט? פאַרוואָס-זשע זאָלט איר אייך דערמיט נישט באַנוצן צו פאַרשטיין פאַרשידינע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן?

לאָמיר למשל זיך אַ ביסל גינויער צוקוקן צו דער אַנטוויקלונג פון דער פרוכט און איר וועט זעען, ווי דאָס וועט אונדז אויפקלערן אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן אין פלוג דערצו נישט קיין שייכות. אין ערשטן אויגנבליק זעט אונדז אויס דער עפּל, למשל, אַנ'איינפאַכער, אַ גאַנצער רונדיקער באַלעם. ווי נאָר מיר שניידן אים אויף, באַמערקן מיר אין דעם דאָזיקן עפּל עטלעכע טיילן.

נו, גידענקט איר פון וויפל טיילן די פרוכט באַשטייט?

— מיר גידענקן. די פרוכטן בכלל באַשטייען פון דריי הויפּט-טיילן: פון דער יאָדרע, פליישיקייט און שאָל.

— צי באַווייזט זיך פאַר אונדז די פרוכט אויפן בוים כתחלת אָן מיט אַלע דריי הויפּט-טיילן?

— ניין. נאָכדעם, ווי דאָס בליעכץ פאַלט אַראָפּ, באַמערקן מיר צו-ערשט אויפן שפּיץ צווייגל אַ גרין און האַרט קעפּל. פון דעם דאָזיקן קעפּל וועבט זיך אויס אַ ווייכע פליישיקייט, וואָס הילט זיך איין אין אַ האַרטערע שאָל.

— צו פאַרשוואונדט מיטן אַנטוויקלען זיך פון דער פרוכט דאָס האַרטע קעפּל?

— דער הויפּט-טייל, וואָס מיר רופן אָן יאָדרע איז אייגנטלעך דאָס האַרטע קעפּל, וואָס מיר באַמערקן פריער אויפן שפּיץ צווייגל. אינים עפּל, למשל, פאַרמירט זיך פונים דאָזיקן קעפּל די שפּעטערדיקע יאָדרע אין פיניף לעדערנע קעמערלעך, וואָס אַנטהאַלטן פיניף איינצלנע קערנדלעך.

— צי קאָנט איר זיך פאָרשטעלן דעם אויסוואוקס פון אַ פרוכט אָן דעם קעפּל אָדער יאָדרע?

— ניין. די אַנטוויקלונג און געזונטקייט פון דער פרוכט איז אָפּהענגיק פון דער יאָדרע.

— מיר זעען אַלזא, ווי ג-ט האָט אין דער פלאַנצן-וועלט גאַראַנטירט די אַנטוויקלונג פון דער פרוכט דורך דער יאָדרע. לאָמיר-זשע נאָכן שפּאַציר אינים גאָרטן וואַרפן אַ בליק אויפן גיבוי פונים מענטש. די פרוכט און דער מענטש זענין דאָך באַשאַפן גיוואָרן פון איין און דעם זעלבן מייסטער. לאָמיר אַלזאָ אָפּזוכן דעם איינהייטלעכן סיסטעם אין ביידע שאַפונגין. וואָס פאַר אַן-אבר אינים מענטש זעט אייך אויס צו זיין ענלעך מיט זיין פונקציע צום קערן אין דער פרוכט? פון וועלכן אבר איז צו מייסטנס אָפּהענגיק דאָס לעבן פונים מענטש?

— דאָס לעבן פונים מענטש איז צו מייסטנס אָפּהענגיק פונים האַרץ.

— ווי אַזוי?

— אויף דער לינקער זייט פונים ברוסט-קאַסטן ליגט דאָס אייגנטלעכע האַרץ. דאָס האַרץ זעט אויס, ווי אַ קליין שטיקל פלייש.

פונים האַרץ צולויפט זיך דאָס בלוט אין אַלע אָדערן, איבערן גאַנצן מענטשלעכן קערפּער, הין און צוריק. ווי לאַנג דאָס האַרץ איז גיזונט קומט דער בלוט-לויף פאַר נאָרמאַל. צוליב דער מינדסטער באַשעדיגונג פונים האַרץ ווערט גישטערט אָדער אָפּגישטעלט דער בלוט-לויף, וואָס דערהאַלט דאָס לעבן פונים מענטש. דאָס איז אַלזאָ ביים מענטש, ווי אַ מאָטאָר פון אַ מאַשין, דורך וועלכן דער גאַנצער קערפּער באַוועגט זיך און ווערט גיקרעפטיקט. פונקט, ווי די יאָדרע אין דער פרוכט, אַזוי ווערט אויך גאַראַנטירט דאָס לעבן און גיזונט פונים מענטשן, דורכן נישט אָנגיזעענעם שטיקל פלייש, וואָס מיר רופן אָן האַרץ.

זייער טרעפלעך וואָלט גיווען אַרויסצולייגין דעם דאָזיקן פאַרגלייך אין די עטלעכע ווערטער פון דער תורה: כי האדם עץ השדה וכו'. (דברים כ' י"ט) דער מענטש איז גיגליכן צום בוים פון פעלד.

נאָכדעם, ווי מיר האבן שוין אָנגימערקט אויף דער גלייכקייט אינים צוזאַמענשטעל פונים מענטש און פרוכט, וועלן מיר פּרואוון אַ בליק טון צי אין אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס לעבן צוזאַמין, איז אויך צו באַמערקן אַזאַ שטייגער טיילונג פון טיילן וואָס באַוועגן אַנדערע, און פון טיילן, וואָס ווערן באַוועגט דורך אַנדערע.

כדי איר זאָלט גוט פאַרשטיין די דאָזיקע פראַגע, מוזט איר אייך פאָרשטעלן פאָלגענדן פאַקט: דער לערער האָט די קינדער, וואָס מ-האָט אים איבערגיגעבן צום ערציען, גיטיילט אין צוויי גרופּיס; די ערשטע האָט ער באַצייכנט מיטן אות א. און די צווייטע מיטן אות ב. אין דער גרופּע א. זענין אַלע קינדער גישטאַנין אויף איין שטופע. אַלע זענין זיי גיווען גלייך. קיין איינער איז נישט גיווען בעסער פאַרן אַנדערן. אין דער גרופּע ב. האָט זיך שוין גיפינין איין קינד, וואָס האָט אמת דאָך נייטיק גיהאַט ערציאונג, אָבער דאָך גיווען אין כאַראַקטער בעסער פון די איבריקע. זיין האַרץ איז גיווען אַ ביסל איידילער, ער איז גיכער גירירט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די באשלוסן פון דער פאביניצער בנות-קאנפערענץ

א) די קאנפערענץ פאדערט אויף דעם צ. ס. תיכף דורכצופירן די גרינדונג פון נייע אפטיילונגען אין די ערטער, וואו אזעלכע זענען נאכנישט פאראן.

ב) דער צ. ס. דארף ארגאניזירן א פראלעגענטן-קורס, וואס זאל דויערן צוויי וואכן צייט. צו דעם קורס זאלן שיקן זייערע פעאיקסטע חברות אלע בנות-גרופן.

ג) אלע בנות-ארגאניזאציעס מוזן אנווענדן אלע מיטלען, דאס ס-זאלן זיין כאטש פאסיווע חברות אין די ארגאניזאציעס אלע יידישע פרויען.

ד) איין חודש אין יאר, זאל פראקלאמירט ווערן אלס ארבייט-חודש פאר יידישקייט אין יידיש. אין דעמדאזיקן חודש זאל פראפאגאנדירט ווערן דאס רעדן יידיש, דאס שרייבן מיט דעם טראדיציאנעלן יידישן אויסלייג און בכלל וועקן א פאזיטיווע באציאונג צום יידישן לשון. דער זשורנאל „בית יעקב" דארף אין דעם חודש אפגעבן פלאץ דעם ענין. וועגן אויסארבייטן א גינויעם פלאן דארף דער צ. ס. זיך דערוועגן פארשטענדיקן מיט דר. שלמה בירנבוים.

ה) אלע ארט. פארלאגן ווערן אויפגעפאדערט פון איצינד אן צו דרוקן זייערע אויסגאבן נאר מיטן אלט-נייעם ארטאדאקסישן אויסלייג, בכדי אז זייערע ביכער זאלן דורך די בנות-ביבלא-טעקן און חברות באנוצט ווערן. אויך פארלאנגט די קאנפערענץ אז „דאס יידישע טאגבלאט" וואס ווערט געליינט און פראפא-גאנדירט דורך „בנות אגודת ישראל" זאל איינפירן דעם ארטאדאקסישן אויסלייג וויבאלד עס איז טעכניש שווער מיטאמאל דאס דורכצופירן, זאלן כאטש דערווייל די ליטעראַרישע ארטיק-לען, בפרט די פרויען-ביילאגע געשריבן ווערן אזוי, און בהדרגה צופירן דערצו אז דאס גאנצע בלאט זאל ווערן געשריבן מיטן אמת-יידישן אויסלייג.

ו) אלע בנות-ארג. דארפן צוהעלפן אין דער זאמל-אקציע פארן פארענדיקן דעם בוי פון „בית-יעקב סעמינאר" און פארן בוי פון דער צענטראלער זומער-קאלאניע פאר די קינדער ביי ווארשע.

ז) עס ווערט פראקלאמירט דאס שאפן פון 100 שטענדיקע פריינט פון פארלאג „בית יעקב". די דאזיקע פריינט שרייבן אונטער א דעקלעראציע, און טון איינצאלן א קאנטע 10 זל. דאס זיי זענען זיך מתחייב צו פארקויפן פון יעדן בוך און ביכל, וואס דער פארלאג „בית-יעקב" וועט ארויסגעבן צו 5 עקז. דאדורך איז צו האפן וועלן קענען ארויסגיין פיל נייע ביכער און בראשורן.

ח) די קאנפ. לייגט ארויף א חוב אויף אלע ארגאניזאציעס דורכ-צופירן דעם מחצית-השקל פארקויף אין חודש אדר פאר די ארטאדאקסישע שולן אין ארץ-ישראל אין ברייטסטן פארנעם. אין דעמדאזיקן חודש זאל אויך גיפירט ווערן א אויפקלערונג איבער דער שטעלונג פון דער אגודת ישראל צו ארץ-ישראל.

ט) אלע חברות ווערן אויפגיפאדערט צו קויפן און פארשפרייטן אין די יידישע הייזער די בראשור פון ה. י. ל. ארלעאן „דער פארשוואונדינער גן-עדן". דערמיט וועט ענדלעך אנהייבן אויס-גיפירט ווערן דער באשלוס פון לאנד-צוזאמענפאר צו פירן א קאמף קייגן מאדע און לוקסוס.

י) די קאנפ. אנערקענט פאר ריכטק די האנדלונג פון צ. ס. נישט צו שטיין אין פארבינדונג מיט די ארגאניזאציעס, וואס צאלן נישט דעם „תרומת-חברה" און זיי בכלל נישט פארעכינין אין דער רשימה פון די עקזיסטירנדע בנות-גרופן.

יא) די קאנפ. פאדערט אויף אלע חברות אקטיוו צו זיין אין קאמף קעגן דער שונד-פרעסע און גלייכצייטיק צו פאר-שפרייטן די ארטאדאקסישע פרעסע בכלל און בית-יעקב זשורנאל, און „דאס יידישע טאגבלאט" בפרט.

---

אונדז גיהאלטן גיווארן אויף א פרויען-פארזאמלונג. די רעדנערן האט ממש באצייבערט אלע צוהערער און איר ווילט צומאלט נישט דרוקן דעם רעפעראט. מיר ווארענען אייך, דאס אויב דער רעפעראט וועט ניטט זיין גידרוקט רייסן מיר מיט אייך איבער אלע באציאונגען".

קאנט איר דאך מיינען, מי יודע, וואס עס האלט אויס דאס דאזיקע שטעטל אונדזער בודושטט. זאגן מיר אייך, אז בסך-הכל איז דארט דא איין קווארטל אין יאר קרוב א מנין אבאגענטן און היות זיי וועלן זיכער האלטן ווארט, גיט-זשע אן-עצה וואס עס איז דא צו טון?

פון א שטאט וואו מען איז אונדז שולדיק פאר ב"י און ק"ג נאך פון חודש סיון פון יאר תר"ץ און פון חודש תשרי אן קומט בכלל שוין נישט אהין דער ב"י, שרייבט מען אונדז:

„מיר שיקן אייך צו א באריכט פון אונדזער גראנדיעזער חנוכה-פייערונג און למעה"ש דער באריכט זאל גידרוקט ווערן אינגאנצן, גלייבט אונדז, אז דער באריכט איז וויכטיקער ווי א סך אי-ערע ארטיקלען".

בסך הכל האלט דער באריכט א צוויי גרויסע בויגן פאפיר און ס-איז באשריבן מיט אלע פיטשיווקיס דער אוונט און מיט א פיניף פוץ נעמען אן ע"ה. נו, פרעגן מיר פאר וועמען באדארפט איר דעם באריכט? אז דעם זשורנאל זעט מען ביי אייך נישט אויף דער ליכטיקער שיין, ווער דארף דעם באריכט? ניין — „מיר וועלן ציען די קאנסעקווענצן ווען דער באריכט וועט נישט זיין באלד אין יעצטיקן נומער" — מיט אזא התראה לאזט מען אונדז הארציק גרוסן.

פון א אנדער ארט פארלאנגט מען אומבאדינגט אפצודרוקן א „פראטעסט" קייגן דער צענטראלע פון „בנות אגודת ישראל".

ג.ג. פארשטייט זיך אז א פראטעסט איז מען גלאט מחויב צו דרוקן. ווארן וואס טון מיר אז יענער פארופט זיך אויפן פרעסע-גיזעץ און גיי זיך משפטן!

ארכיון אסופות

די מעשה איז גיוועזן אזוי:

מיר האבן באקומען אין איין טאג צוויי באריכטן פון א שטאט, ביידע גישריבן מיטן זעלבן נוסח. עפיס א דאנק זאגונג פאר א מנדב. דער חילוק פון איין בריוו ביזן צווייטן איז גיווען א זאלכער. אנשטאט וואס אויף דעם ערשטן איז גיווען אונטער-גישריבן אפיציעלע נעמען פון ארגאניזאציעס, איז אויפן צווייטן גיווען אונטער גישריבן א שילערן פון ב"י. מיר אומשולדיקע מענטשן, האבן גיל'ערנט פשט, אז ס-איז פאסיקער פאר א קארעס-פאנדענץ א פערזענלעכע אינטערשריפט און טאקע גידרוקט די זעלבע קארעספאנדענץ.

און דער עונש איז גיקומען.

אין א העלן פרימארגן ברענגט אונדז די פאסט צוריק די 10 עקז. ב"י און דערביי א „מתנה", א רעקאמענדירטן בריוול וואו מען פאר-דערט אפצודרוקן א „פראטעסט" קייגן די צענטראלע, וועלכע האט דערלאזט צו אזא „שענדלעכן סקאנדאל".

פארשטייט זיך, אז מיר האבן דעם פראטעסט נישט גידרוקט און ממש עפ"י נס האט מען זיך מיט אונדז דארט צוריק איבערבעטן...

אזוי, חשובע לייענער מוזן מיר זיך ראנגלען טאג אויף טאג מיט כל-ערליי „וויכטיקע" פרעטענציעס און איר ווילט נאך ס-זאל אונדז בלייבן צייט אויף ליטעראַרישע פלוידערייען, יא „מיר וואלטן גילאכט — האט איינער א מאל גיזאגט — נאר אז דער נאר וואלט נישט גיווען אונדזער"...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 12 מתוך 20

או סגיאַרביטער „מזרח" דאָס איז גיווען אַ מייסטער שטיק פון האַפט און שטיקעריי. דאָס בילד איז נישט גיהאַנגין איבערן בעט נאָר דערנעבן. ביי דער וואַנט איז גישטאַנין אַ גרויסער פיר־עקי־קער טיש, אויף וועלכן זי האָט אויסגיפירט פאַרשידינע האַנט־אַרביטן. זי האט דערמיט מקיים גיווען דאָס וואָס די חכמים ז"ל האָבן גיזאָגט, אַז „דארט וואו זיי לערינין און באַלערן — דאָרטן דאַווינין זיי", דאָס ארט פון זייער הייליקער באַרופס־אַרביט האט פאַר די חכמים ז"ל אויך גידינט אַלס דאָס פאַסיקסטע ארט ג—ט צו בעטן און אַזוי ווי דער באַרוף פון דער פרוי איז דאָס הויז, וועלכעס דינט איר אַלס הייליקטום, וואו זי איז גיגליכן צו אַ כהן, וואָס פירט אַ פרום און אָפּפערווייליק לעבן פאַר ג—ט, אַזוי ווערט דאָס הויז פאַר דער פרוי דער מקום־קדוש, דאָס הייליקסטע ארט ג—ט צו בעטן און תפילה צו טון. די פרוי זאַפּיאַ טריעסט האָט גידאַוונט דארט, וואו זי האט אויסגיפירט אירע אַרביטן, אַי־גים וואַרשטאַט פון איר הויז־באַרוף, נעבן דעם טיש, וואו זי האָט גיפירט אירע גישעפטס־ביכער, דאַרט, וואו זי האָט גישריבן אירע גישעפטלעכע און פּריוואַטע קארעספּאנדענץ און פון צייט צו צייט אויך דארט גינאָסן פון גייסטיקער ערהאָלונג.

זי איז שוין 10 יאָר גיווען אַ אַלמנה און אָנגיוויזן אויף זיך זעלבסט. דער מאַן האָט איר איבערגילאָזן אַ שיין גישעפט. זי האט זיך אבער דערמיט פאַרנומין נאר אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל איר קלעקן אויף חיונה. די אַנדערע צייט האָט זי אָוועקגי־שאַנקין אירע ליבלינגס־אַרביטן. צו דעם האט גישט גיהערט בלויז דאָס לייינין פון אַלטע קלאַסישע און נייע ווערק וועגן יידן און יידנטום, וואָס ברענגין אריין אַ פרומין הויך אין דער יידישער שטוב, און ווייזן אָן אויף די אייביקע אמתן פון דער יידישער אמונה. מיט אירע טיפע קענטענישן אין יידישן וויסן האָט זי זיך אויך גיטיילט מיט די פיל פרויען און מיידלעך, וואָס זענין גערן צו איר אַרייַנגיקומין אין שטוב זיך באַרייכערן מיט צניעות. זי האָט אויך גיהאַט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר קונסט און פּאעזיע, הכלל, אַ פילזייטיקער גייסט מיט אַן־אונגיהויערער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג, דאָס איז גיווען איינע פון יענע פרויען, וואָס דינין אַלס מוסטער פון פרויען־גוטסקייט, צוזאַמין מיט גייסט־רייכקייט און טיפן פאַרנונפט און פאַרשטאַנד פאַר אַלע עניגים פון דער וועלט און דערביי, אַ פרום יידישע פרוי, וואָס קען די אייביקע אמתן פון איר אמונה. דאָ האט זיך גידאַרפט דערציען רבקהלע — די טאָכטער פונים „רייכן בנימין"

(דאָס דריטע קיפיטל זע נומער 64)

ווייסטו נאָך פון אַ יידיש הויז, וואו עס גיפונט זיך נישט די בראשור

„דער פאַרשוואונדינער גן־עדן"

באַמי־ זשע דיך אַז ס־זאָל דארט באַלד אַריינקומין!

פרייז 50 גר.
10 עקז. נאָר 5 זל.

צו באַקומין
אָרלעאַן וואַרשע, פּ. ק. אָ. 123.80

הארכיון היהודי

# בּרִיךְ שְׁמֵיה

די תפילה, וואָס מען זאָגט
ביים ארויסנעמין דאָס
ספר־תורה אין שול.

גילויבט זאל זיין דיין נאָמין, האַר פון דער וועלט,
דיין קרוין און דיין מלכות
דיין ווילן זאל זיין מיט דיין יידיש פאלק אויף אייביק.

באַפרייאונג דורך דיין רעכטער האַנט,
זאלסטו ווייזן צו דיין פאָלק,
אין דיין בית־המקדש;
לאָז אונדז צופליסן פון דיין לויטער ליכט,
און נעם אָן מיט רחמים אונדזערע תפילות.

זאל זיין דיין ווילן, אונדז צו געבן,
אַ לאַנג און גליקלעך לעבן.
זאלסט מיך גידענקן צווישן אַלע צדיקים
זיך מרחם זיין איבער מיר,
מיך, אַלע מיינע נאָנטע, און אַלע וואָס צו דיין פאלק ישראל
זאלסטו דו באַהיטן.

דו שפּייזסט און ביזט מפרנס אַלע,
דו הערשסט איבער אַלע,
דו רעגירסט איבער אַלע מלכים,
און דאָס מלכות איז דיין.

איך, דער דינער פונים אייבערשטן גילויבט זאל ער זיין,
בוק מיך פאַר אים און פאַר זיין לויטערער תורה
אין יעדער צייט.

איך פאַרלאָז מיך נישט אויף קיין מענטשן,
איך שטיץ מיך נישט אויף קיין מלאכים,
נייערט אויף דעם אייבערשטן פון הימל,
אויף דעם אמת־ן באַשעפער,
וואס זיין תורה איז אמת,
וואס זיינע נביאים זענין אמת
און ווייזט מיר זיין חסד און וואָרהאַפטיקייט,
צו אים אַליין האָף איך,
און זיין הייליקן נאָמין לויב איך.

זאל זיין דער ווילן פאַר דיר,
צו עפינין מיין האַרץ פאַר דער תורה,
און צו דערפילן די באַגערן פון מיין האַרץ
און פון אַלע יידישע הערצער,
צום גוטן, צום לעבן און צום שלום.

יידיש:

**אליעזר שינדלער.**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 15 מתוך 20

# אין דער בייער היים

## זכרונות פון פרוי גליקל האמלן

### (גישריבן גיוואָרן מיט 300 יאָר צוריק אין עברי-טייטש)

נאָך דער חתונה זענען מיינע עלטערן אַ היים גיפאָרן און איך. אַ מיידעלע פון אַ יאָר פערצן, בין איבערגיבליבן אין אַ פרעמד לאַנד און צווישן פרעמדע מענטשן. אבער דאָס איז מיר נישט שווער גיוועןֹ, ווייל איך האב גיהאַט אַ גיוואַלטיקן נחת-רוח פון דער באַציאונג פון שווער און שוויגער, וואָס זענין געווען וואוילע און גוטע מענטשן. אַ זייער שיינע באַציאונג, מער ווי כ'בין נאָך ווערט גיוועןֹ. עס איז מיר אוממעגלעך צו שילדערן די פרומקייט און דאָס צדקות פון מיין שווער און שוויגער ז"ל און וואָס פאַר אַ וואוילער מענטש עס איז געווען מיין שווער, ממש אַ מלאך פון הימל.

אַלע ווייסן, וואָס האמל איז אַ קייגן האַמבורג און איך בין נאָך דעמלט גיוועןֹ אַ יינג קינד צעפיעשטשעט פון דער היים און איצט בין איך גיקומין פון אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי האַמבורג אין אַזאַ קליין שטעטעלע אַריין, וואו עס האָבן נאָר גיוואוינט צוויי יידישע בעלי בתים. אָבער דאָס אַלץ האָט מיך נישט גיאַרט, ווייל איך האָב גיהאַט אַזאַ שטאַרקן נחת רוח פון מיין שווער ז"ל, ווען ער האָט זיך דריי ביינאַכט אָוועקגיזעצט אין זיין צימער, וואָס איז גיוועןֹ דערנעבן פון מיין שלאָף-צימער און אָנגיהויבן לערנען גמרא מיט אַ ניגון. איך האָב דעמלט פאַרגעסן גאַנץ האַמבורג, וואָס פאַר אַ הייליקער מענטש ער איז גיוועןֹ! זיין זכות זאָל אונדז שטענדיק באַשטיין און ער זאָל ליפן בעטן פאַר השם יתברך, אַז ער זאָל אונדז אויסלייזן פון אַלע צרות און מען זאָל נישט האָבן קיין חרפות ובושות און נישט קומען צו קיין עבירות.

שיין איז גיוועןֹ צו זעען וואָס פאַר אַ גוטע און וואוילע קינדער ער האָט גיהאַט.

זיין עלטסטער זון משה, איז גיוועןֹ זייער אַ גוטער בחור און אַלס חתן איז ער גיפאָרן אויף זיין חתונה מיט אַזאַ חשובן מענטש ר' משה=ן און מיט זיין משרת, וואָס האָט גיהייסן דער „פּצרוואָנדעטער" יעקב און ער האָט מיט זיך מיט גיפירט דעם, נדן, ה"נטער ברעמענפארד זענין זיי באַפאַלן גזלנים און זיי האָבן זיי צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן גיהאַט און זיי אַלע דריי זייער שווער פאַרוואונדיט. מ'האָט זיי גיבראַכט אַריין צו דאָקטוירים און צו אָפּשפּרעכערס. זיי האָבן גיזאָגט, אַז ר' משה און דער חתן וועלן לעבן, נאָר דער משרת יעקב גיפונט זיך אין אַ גרויסער סכנה. אָבער אין צוויי טעג אַרום זענין גישטאָרבן דער חתן און ר' משה און דער משרת יעקב איז גיבליבן לעבן, דערום האָט מען אים גירופן דער „פאַרוואונדעטיר יעקב". דער צער און טרויער פון די יידן איז גיוועןֹ זייער גרויס, און כאָטש מ'האָט זיי לאַנג גיזוכט די רויבער, האָט מען זיי אַלץ נישט גיפונין, זאָל ג-ט נעמין נקמה אין פאַרגאָסינים בלוט.

מיין שווערס צווייטן זון (אברהם האמילן) האָב איך גיקענט. ער איז גיוועןֹ פול מיט תורה, ווי אַ מילגרוים. בחורווייז האָט אים מיין שווער אָוועקגישיקט קיין פוילן אין אַ ישיבה אַריין. דאָרט האָט ער באַקומין אַ זער גרויסן נאָמין אַלס למדן. אין פוילן האָט זיך מיט אים מתחתן גיוועןֹ זייער אַ גיאַכטיטער מענטש ר' חיים בועז. נאָך דער חתונה איז ער ווייטער גיזעסן און גילערנט מיט התמדה און ער איז גיוועןֹ שטאַרק גיאַכטיט אין פוילן. אבער די דאָרטיקע קהלה האָט זיך גיפונין אין אַ גרויסע צרה צוליב דער מלחמה מיט כאַמילן (ת"ח) איז ער מיט זיין פרוי און טאָכטער צוריקגיקומין צום שווער נאַקיט און בלויז.

דידאזיקע טאָכטער איז גיבוירן גיוואָרן ממש מיט אַ נס. זיבעצן יאָר נאָך דער חתונה איז נאָך זיין פרוי גיוועןֹ אַן-עקרה. זיין שוויגער איז דעמלט שווער קראַנק גיוואָרן און גיהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט זי צוגירופן איר טאָכטער, מיין שוואָגערס ווייב, אַז זי זאָל קומין צו איר און זי האָט איר אַזוי גיזאָגט: ליבע טאָכטער! איך בין אין ג-טס האַנט און וועל באַלד שטאַרבן. אויב כ'האָב נאָר אַ שטיקל זכות ביי אים, וועל איך ליפן און בעטן ביי אים, אַז ער באַגדאַן כמעלניצקי זאָל דיר געבן קינדער. דערנאָך איז דידאזיקע גיאַכטיטע און פרומע פרוי און איר טאָכטער מיין שוואָגערס ווייב צילקע שוואַנגער גיוואָרן און האָט נאָך אין אייגינים יאָר גיבוירן אַ טאָכטער און מען האָט איר אַ נאָמין גיגעבן נאָך דער באָבע שרה. אין זיבן יאָר אַרום האָט זי גיבוירן אַ זון און מען האָט אים אַ נאָמין גיגעבן שמואל. כ'האָב זייער פיל צו דערציילן וועגן דעמדאזיקן שוואָגער, מיין שווער האָט אים אָוועקגישיקט קיין האַנאָווער און דאָרט איז אים גאַנץ גוט גיגאַנגין, מענטשן האָבן אים אבער אָפּגינאַרט און אים צוריקגיבראַכט קיין האמעל. זיי האָבן אים צוגיזאָגט גילדינע בערג, זיי וועלן מיט אים שותפות מאַכן, אבער זיי האָבן נישט גיהאַלטן קיין וואָרט. און ער מיט זיינע קינדער זענין זייער שלעכט אויסגיגאַנגין בעונותינו הרבים, זאָל ג-ט מוחל זיין דידאזיקע מענטשן!

(ווייטער — זע נומער 64)

# חברות!

## דר. נתן בירנבוים רופט אָן דאָס בית-יעקב-זשורנאַל „אַ וויכטיק כלי-זיין אין דער מלחמה אַקייגן אפיקורסות און הפקרות".

פאַרוואָס לאָזט איר אַ דורך אַ זויפיל יידישע הייזער און איר פירט נישט אַריין דאָרט דאָס בית-יעקב-זשורנאַל?

## פריינט!

איר זעט ווי מיר באַמיען זיך, אַז דער זשורנאַל זאָל זיין וואָס שענער און באַלערנדער — מיט וואָס העלפט איר אונדז?

## גידענקט!

טאָג און נאַכט, אַרביטן מיר אומערמידלעך פאַר דער דאזיקער זאַך און זאָלן מיר חלילה צוליב אייער עצלות, מוזן גיין צוריק...

**קומט צו הילף, אייער אָרגאַן, דעם בית-יעקב-זשורנאַל!**

**גיט נדיבות-דיק פאַרן איינמאַליקן פאַנד פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור!**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 063 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

